אויף דער חתונה פֿאַסטן בשעת דער חתן איז
מיט זיי? כּל־זמן זיי האָבן דעם חתן מיט זיך,
20 קענען זיי נישט פֿאַסטן. עס וועלן אָבער קומען
טעג, ווען דער חתן וועט פֿון זיי אַוועקגענומען
ווערן, און דעמאָלט וועלן זיי פֿאַסטן אין יענעם טאָג.
21 קיינער לייגט נישט קיין לאַטע פֿון אומגעוואַלקעוועטן
טוך אויף אַן אַלטן בגד; טאָמער רײַסט די נײַע
לאַטע אָפּ פֿונם אַלטן, און דער ריס ווערט ערגער.
22 און קיינער גיסט נישט אַרײַן קיין נײַעם ווײַן
אין אַלטע לאָגלען; טאָמער צעשפּאַלט דער ווײַן
די לאָגלען, און סײַ דער ווײַן און סײַ די לאָגלען
ווערן פֿאַרלוירן; נאָר נײַער ווײַן געהערט אין נײַע
לאָגלען אַרײַן.
23 און עס איז געשען, אַז אַ שבת איז ער געגאַנגען
דורך די קאָרנפֿעלדער, און זײַנע תּלמידים האָבן
24 אָנגעהויבן אויפֿן וועג אָפּצורײַסן די זאַנגען. און די
פּרושים האָבן געזאָגט צו אים: זע, פֿאַרוואָס טון
25 זיי שבת וואָס מען טאָר נישט? און ער זאָגט צו זיי:
צי האָט איר קיינמאָל נישט געלייענט, וואָס דוד
האָט געטון, ווען ער איז געווען אין נויט, און איז
געווען הונגעריק, ער אַליין און די לײַט מיט אים?
26 ווי ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין ג־טס הויז (משכן),
ווען אבֿיתר איז געווען כּהן־גדול, און האָט געגעסן
דאָס לחם־הפּנים, וואָס קיינער טאָר נישט עסן
אַחוץ די כּהנים, און האָט עס אויך געגעבן צו די,
וואָס זענען געווען מיט אים? (א שמואל כא א־ו.)
27 און ער האָט צו זיי געזאָגט: דער שבת איז באַשאַפֿן
געוואָרן צוליב דעם מענטשן, און נישט דער מענטש
28 צוליב דעם שבת. דערפֿאַר איז דער בן־אדם אויך
האַר איבער דעם שבת.